א ליכטיגן תמיד
אידיש
פנים מאירות
אננעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# אור הבוקר

יום א' פרשת מקץ תשפ"ב (1-1-6-2-55)

## כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ד' אוֹר לִי (מיכה ז ח)

### אמונה ובטחון אין די טינקלסטע מצב

וזה ענין ברייתו של עולם ברישא חשוכא וכו' (שם עז ב) דבריאת העולם היה על דרך זה להשיג מידת העונג וזה אי אפשר רק על ידי דברישא חשוכא כמו שנאמר (מיכה ז, ח) כי אשב בחושך דייקא אז ה' אור לי כמו שנאמר (תהלים יח, יד) ישת חושך סתרו שהקב"ה מסתתר תוך החושך וכפי תוקף החשכות וההעלם כן הוא תוקף האור הגנוז בו שיוכל להשיג על ידי זה החשכות כמו שנאמר (דברים ד, כט) ובקשתם משם את ה' וגו' משם דייקא ואומר (ירמיה ל, ז) עת צרה וגו' וממנה יושע והכתוב אין קורא צרה לגוף לבד רק מה שבאמת מיצר גם בנפש מזה דייקא הוא הישועה לנפש (ר' צדוק הכהן מלובלין – רסיסי לילה אות יז)

## א זמן פון טוב וחסד

עס שטייט אין ספה"ק **בני שלישים**, אז '**חנוכה**' איז גימטרי' '**טוב חסד**'. חנוכה איז א זמן פון טוב און חסד, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. דער הייליגער באשעפער גיבט אונז טוב און חסד, און אונז וועלן מיר געבן פאר אלע אידישע קינדער, אחינו בני ישראל, טוב און חסד, בעזר ה' מיט א פנים מאירות, מיט אשב"ש; אמונה שלום בטחון און שמחה.

## אמונה אין בטחון אפילו אין די

## נידריגסטע מדריגה הייבט אויף דעם מענטש צום העכסטן מדריגה

עס שטייט אין ספה"ק **פרי הארץ**: די אכטע מדריגה פון די מידת הבטחון, וואס עס שטייט אין חובת הלבבות אין שער הבטחון, איז: אז יעדער מענטש, נישט קיין חילוק ווער ער איז, ער קען זיין אין די שוואכסטע מדריגה וואס עס איז נאר שייך ביים כלל ישראל, דארפן נאך אלץ אריינלייגן זיין גאנצער בטחון אינעם אייבערשטן. הצור תמים פעלו, דער הייליגער באשעפער וואס איז טוב ומטיב עד סוף תכלית הכל, דארף ער גלייבן אין דעם באשעפער

בהשגחה פרטיות, אויף יעדע זאך אויף די וועלט, איז אין גארנישט דא עפעס אנדערש, אין עוד מלבדו. נישט קיין חילוק אין וועלכע מדריגה מען איז.

א מענטש זאל קיינמאל נישט טראכטן: איך בין נישט אין די מדריגה, זעסט דאך אז מיין דאווענען און מיין לערנען, אנדערע עבודת ה', איז שוואך... חלילה! עס איז נישט דא אזא זאך! אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (יבמות קה:) אז ביים דאווענען דארף זיין, עיניו למטה, די אויגן אויף אראפ, ולבו למעלה, זיין הארץ אויף ארויף. עיניו למטה איז טייטש: אז א איד דארף לעבן מיט די אמונה פשוטה אז די השגחה עליונה ית"ש, דער הייליגער באשעפער, קוקט אראפ אפילו מטה מטה, אפילו אינגאנצן אראפ, דער הייליגער באשעפער איז דאך זן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כינים, און א איד דארף לעבן מיט די אמונה פשוטה, און גלייבן אין די השחה פרטית, אז אויף יעדע מענטש, יעדע בריאה, יעדע זאך וואס עס איז נאר דא אין די עולם הזה'דיגע וועלט, איז דא אויף דעם אן השגחה פרטית, פונעם הייליגן באשעפער. עס איז בכלל נישט תלוי אין די מדריגה פון א מענטש.

אוודאי א מענטש דארף זיין ערליך, און דארף זיך מתקרב זיין להקב"ה, און מקיים זיין תורה ומצוות, און נישט טון קיין עבירות, אבער דאס האט נישט צוטון מיט השגחתו ית"ש בעולם.

ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען, דארף זיין עיניו למטה, גלייבן אז דער הייליגער באשעפער איז אפילו ווען א מענטש איז מטה מטה, נידריג ח"ו, קיינער זאל נישט זיין, אבער דער הייליגער באשעפער איז משגיח עליו, קוקט אויף אים, און ער האט די זעלבע השגחה פרטית ווי יעדע מענטש, און יעדע מדריגה.

און אז ער וועט דאס טראכטן - זאגט דער פרי הארץ - וועט זיין, ליבו למעלה, וועט ער זיך קענען ברענגען נאנט, און מיט א געוואלדיגער התקשרות להקב"ה, און דאס וועט ברענגען בעזר ה', אז ער זאל זיך אויפהייבן פון די מטה מטה, און ער זאל ווערן מעלה מעלה.

יוסף הצדיק איז געווען אין תפיסה אין מצרים, אין א טיפן גרוב, און ער האט געהאט בטחון אינעם אייבערשטן. אבער אזויוי ער האט דארטן געזאגט אז דער שר המשקים זאל אים אינזין האבן און געדענקן, שטייט 'וישכחהו', ער האט אים פארגעסן. ווייל אפילו מען איז אין אזא טיפן גרוב טאר מען נישט, און מען קען נישט, אויף איין רגע פארגעסן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און מען דארף נאך אלץ האבן די ריכטיגע אמונה און די ריכטיגע בטחון מיט א שמחה.

און דער פרי הארץ פירט אויס: די כלל פון די זאך איז, אז ווען דער הייליגער באשעפער שיקט אויף א מענטש יסורים, און ער שיקט אים שוועריגקייטן, אויב א מענטש לעבט אין צער, ער לעבט אין שפלות, אין צעבראכנקייט, אין עצבות און מרה שחורה, אין צעקלאפטקייט, קען ער נישט זוכה זיין צו קיין שום חכמה. ווייל צעקלאפטקייט און צעבראכנקייט איז טייטש, ער גלייבט אין די טבע. חכמה איז העכער פון די טבע, אז א מענטש איז מקבל יסורים באהבה, מיט אן אמת'ע אהבה, און ער גליבט אז אלעס טוט דער הייליגער באשעפער, און אלעס וואס דער הייליגער באשעפער טוט איז גוט, נאר די גוטס איז אביסל בהסתרה, אבער בעצם איז עס עכט גוט, איז ער זיך מתקשר צו די עכטע חכמה, און ער האט נישט קיין צער פון די יסורים, נאר ער איז עס מקבל באהבה ובשמחה, וועט ער נתקשר צו די ריכטיגע חכמה, און ער ווערט דערהויבן, אז עס ווערט לבו למעלה.

די גמרא (ברכות סב.) זאגט: סמא דיסורים שתוקותיא, די היילונג פון יסורים איז שווייגן. וואס הייסט שווייגן? סייג לחכמה שתיקה, שווייגן מיינט אזויווי 'וידום אהרן', מקבל זיין די יסורים באהבה, דער הייליגער באשעפער זאל העלפן קיינער זאל נישט האבן, אבער אזוי דארף מען צוטון.

'חכמה' ווערט אנגערופן 'שמן' אזויווי עס שטייט 'ושמן על ראשך אל יחסר', דאס איז חכמה. די ענין פון חנוכה - זאגט דער פרי הארץ - איז: ווען די יוונים זענען אריינגעקומען אין די היכל, און זיי האבן מטמא געווען אלע אויל, דאס טייטשט, זיי האבן מטמא געווען אלע עניני שכלי, זיי האבן מטמא געווען די גאנצע טבע, אבער עס איז געווען איין קריגעלע וואס האט געהאט די חותם פונעם כהן גדול, דאס טייטש אז מען האט געזען אין דעם גאנצן טומאה אן השגחה פרטיות פונעם הייליגן באשעפער, די חותם פונעם אייבערשטן, די אמת, די אמונה פשוטה. מיט דעם האט מען זיך אויפגעהויבן, און מען האט אין דעם געגלייבט. און מען האט געזען א פלא והפלא, אז אין דעם קליינעם קריגעלע פון די גרויסע טומאה, איז געווען א נס פליאה, אז עס האט געברענט אכט טעג.

און דאס איז די עבודת הקודש פון א איד אין די ימי החנוכה, ארויסצוגיין פון די יסורים, ארויסצוגיין פון די ייאוש, ארויסצוגיין פון די שוועריגקייטן, ארויסצוגיין פון מחלוקת, פון כעס, פון קנאה; שנאה; תאווה און כבוד. זיך אריינלייגן אין אמונה פשוטה, אין השגחה פרטית. מען צינד די לעכט ביינאכט, מען צינד די לעכט סוף חודש, ווען די לבנה שיינט נישט, מען צינד די לעכט אונטער צען טפחים, מען דארף זיך אראפבייגן, אבער מען ברענגט ארויס אן אור, א לעכטיגקייט!

אבער די אמונה פשוטה, דורך דעם וואס מען איז זיך מתקרב להקב"ה, עס איז נישט דא קיין מצב ברוחניות ובגשמיות, עס איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט, וואס דער הייליגער באשעפער שיקט אויף א מענטש, וואס זאל מאכן א מענטש זאל פארלוירן גיין. מיר דארפן גלייבן באמונה פשוטה, און מפרסם זיין די ניסים, דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן אויפן מצב וויאזוי עס איז, און אזוי הייבט מען זיך, און מען הייבט זיך, און מען ווערט נתקרב להקב"ה, ביז מען זעט מיט די אפענע אויגן נסים ונפלאות.

# מעשה בחסיד אחד

## בינה יתירה נישט וויי צו טון א צווייטן

דער ראש ישיבה פון טשעבין, רבי אברהם גאנעכאווסקי זצ"ל, האט איינמאל געדארפט טראגן איינע פון זיינע בחורים צו א פסיכאטער, צו א סיקייטעריסט. ווען ער איז ארויסגעקומען, האט ער געטראפן איינער פון די תלמידים, א אינגערמאן, וואס זיצט און ער ווארט. האט ער פארשטאנען, אז דער אינגערמאן גייט מורא'דיג פארשעמט ווערן פון דער ראש ישיבה.

אונטער א בליץ, מיט אזא אהבת ישראל, איז אים איינגעפאלן א מורא'דיגע עצה! ער גייט צי צו דער אינגערמאן, און ער רוימט אים אריין אין אויער, און ער זאגט אים: "איך בעט דיך זאלסט פאר קיינעם נישט פארציילן אז דו האסט מיר דא געטראפן, ווייל איך וועל זיך

מורא'דיג שעמען, עס איז גרויסע בזיונות. איך בעט דיך האב רחמנות אויף מיר, זאג נישט פאר קיינעם אויס, אז איך בין דא געווען!".

איר הערט?!...

רבי אברהם גאנעחאבסקי פלעגט זאגן: מען דארף האבן חכמה יתירה נישט ווי צו טון א צווייטן איד! און דאס קומט נאר מיטן כח התורה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! ווען א איד וויל באמת, נישט ווי טון א איד, קומט אים א בליץ פונעם הייליגן באשעפער, וויאזוי זיך צו ראטעווען, נישט צו ווי טון א איד. און קוקט, דא דער ראש ישיבה, איז געווען גרייט, אז דער איד זאל מיינען אז ער איז געווען ביי סעקייטעריסט, ביי א פיסכיאטער, אבי יענער זאל נישט ווערן ווי געטון פון אים.

# די געוואלדיגע סגולה פון זאגן און גלייבן אז "אין עוד מלבדו"

א איד האט פארציילט, אז זיין טאטע האט געהאט אזא שטיקל פלעי גרופ (גן ילדים). איין טאג האט ער באקומען א צעטל פון די רעגירונג, ער דארף קומען אין קארט, ער דארף זיך שטעלן אין ערכאות של עכו"ם, ווייל די אלע פלעצער, אז עס איז לעגאל, באקומט מען דאך שטאטישע געלטער, און זיי האבן געמאכט א חשבון אז דער איד האט ח"ו גע'גנב'עט געלט.

דער איד איז אריינגעפאלן אויף איין רגע אין א געוואלדיגע פחד, ווייל יעדער איינער ווייסט, מיט די רעגירונג איז א שווערע עבודה, מען דארף דינגן לויערס, עס איז נישט קיין פשוטע מעשה.

דער איד אבער, האט זיך געשטארקט, מיט א געוואלדיגע אמונה פשוטה, מיט א געוואלדיגע אמונה און בטחון, מיט א געוואלדיגע התקרבות להקב"ה. ער האט גענומען א לויער וואס קאסט זייער ביליג, א לויער וואס האט נאכנישט קיין עקספיריענס, ער האט נאכנישט נסיון פון אסאך יאר, ער איז א מתחיל. ער האט אים געדינגען ער זאל אים פארטרעטן. וואס האט ער אינזין געהאט? דאס איז השתדלות!

וואס האט ער געטון פארדעם? ער איז ארום געגאנגען העננג צעטליך און פארציילן פאר מענטשן, אז מען דארף זאגן 'אין עוד מלבדו', מען דארף לעבן מיט אמונה פשוטה אינעם הייליגן באשעפער, דער 'אין עוד מלבדו' האט ער גע'חזר'ט ביז די טאג פונעם משפט.

ווען עס איז געקומען די טאג פונעם משפט, האט ער צאמגערופן זיינע קינדער און ער האט זיי געזאגט: "קינדער! אונז גיי מיר זאגן הונדערט מאל צוזאמען אין עוד מלבדו!". און ער האט עס אפגעטייטשט פאר די קינדער, עס איז נישט דא גארנישט אויף די וועלט, נאר דער הייליגער באשעפער, קיינער טוט מיר גארנישט, קיינער קען מיר גארנישט טון, קיינער מאכט מיר נישט קיין שלעכטס, קיינער קען נישט גארנישט טון, נאר דער באשעפער, און ווען מען האט געענדיגט זאגן די הונדערט מאל אין עוד מלבדו, איז ער געגאנגען אין קארט, און ער האט געקוקט אויפן צעטל אויף

וועלכע שטאק ער דארף גיין אין די ערכאות, איז געשטאנען ער דארף גיין אויפן זעקסטן שטאק. ווען ער איז אנגעקומען אויפן זעקסטן שטאק איז געשטאנען אז וויבאלד מען טוט דארט איבערארבעטן די שטובער, דארף מען ארויפגיין נאך א שטאק, צום זיבעטן שטאק. די איין שטאק האט ער שוין נישט געוואלט גיין מיטן עלעוועיטער, איז ער געגאנגן אויף די שטיגן.

ווען ער איז אנגעקומען צו די שטיגן, איז געשטאנען דארט צוויי פרויען, פון איין זייט און פון די אנדערע זייט, דאס טייטש, ער האט געדארפט אריבערגיין צווישן די צוויי פרויען. בשום אופן, ער גייט נישט אריבער צווישן צוויי פרויען. איז ער צוגעגאנגן צו די פרויען און ער האט געבעטן בדרך כבוד: "איך מיין נישט גארנישט שלעכטס, איך וויל נישט וויי טון, אבער טאמער איר האט א ברירה, אפשר קענט איר זיך רוקן, איך זאל קענען דורכגיין?". האבן די צוויי געזאגט: "וואס איז? אונז זעמיר עפעס טמא? מען טאר נישט דורכגיין צווישן צוויי פרויען?!". זיי האבן זיך מורא'דיג באליידיגט. האט ער געזאגט: ח"ו, נאר ער איז א איד, און עס שטייט אין די תורה, אין די גמרא, אז עס איז א סכנה דורכצוגיין צווישן צוויי פרויען, און עס טאר אויך נישט דורכגיין א פרוי צווישן צוויי מענער, אבער נישט ח"ו, איך מאך ענק נישט אוועק, און איך טו ענק נישט מאכן פאר א שוואכערע קלאס, ח"ו ח"ו, און איך בעט ענק, רוקט ענק אין די זייט, איך זאל קענען מקיים זיין די תורה. און זיי האבן זיך גערוקט, זיי האבן זיך מורא'דיג באדאנקט, און געגעבן א ברכה.

ער קומט אריין צום בית המשפט, איז די שופטות געווען א פרוי, און ווינקט אים אזוי מיט די האנט, ווי איינער וואס זאגט, מען קען זיך... ער האט זיך אינגאנצן דערשראקן, ער קען נישט קיין פרויען! ער קען נישט קיין שופטים! און מען האט פארגעלייענט די קלאגע קעגן אים, און עס רופט זיך אן די פרוי די שופטות: "דער איד, ער איז א צדיק! עס קען נישט זיין די אלע מעשיות זאלן זיין אמת!", און זי האט געזאגט, אז מען זאל ארויסגיין, און מען זאל זיך דורכקומען, מאכן א פשרה.

האבן זיי זיך גענומען טענה'ן די רעגירונג, די קטיגור, די פראסיקיוטער, "ניין! מען האט אים געכאפט!"... האט זי געזאגט: "איך וויל נישט הערן! איך ווייס דער איד איז גערעכט! דער איד איז א איד א צדיק, עס קען נישט זיין אז ער האט געטון פארברעכנס!".

ווער איז געווען די שופטות? דאס איז געווען איינע פון די צוויי פרויען וואס זענען געשטאנען פארן משפט ביי די שטיגן דורכצוגיין. און די שופטות האט גע'טענה'ט, אז ער איז מקפיד אויף א גמרא פון נישט דורכגיין צוויי פרויען, און מיט אזא איידלקייט און מיט אזא ערליכקייט, האט ער געבעטן אז מען זאל זיך רוקן אויף די זייט, ער האט נישט געטון קיין פארברעכנס, עס קען נישט זיין! און מען איז ארויסגעגאנגן אינדרויסן, מען האט געמאכט א פשרה ער זאל געבן קנס צוויי

הונדערט דאלער, און מען וועט צוריקציען די קלאגע.

## ראה מעשה ונזכר...

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! דאס איז אין עוד מלבדו, דאס איז די גרעסטע לויער, די גרעסטע סניגור וואס א מענטש קען האבן - אין עוד מלבדו! און אונז אין פנים מאירות לייג מיר צו: מזמור לתודה; מזמור לדוד ה' רועי לא אחסור און אדון עולם, מיט א שמחה. און דאס איז חנוכה. מען דארף זיך אריינעמען אין זיך און אריינגעבן אין די קינדער בשעת מען זיצט ביי די חנוכה לעכט, און ביי די חנוכה סעודות, און אריינלייגן אמונה בטחון און שמחה, שלום בעולם, נישט קיין קריגעריי, נישט קיין קנאה; שנאה; צער; עגמת נפש; סובל זיין אידן.

## אמונה בטחון גאולה – די נס חנוכה פון הרב ריבאשקין

אזיווי עס קומט יעצט חנוכה, וועלן מיר פארציילן די מעשה וואס רבי שלום מרדכי ריבאשקין הי"ו האט פארציילט:

עס איז געווען די ערשטע חנוכה וואס ער איז געזעצן אין תפיסה, פאר חנוכה האט ער שוין אנגעפאנגן דאגה'נען, וויאזוי מען קען מקיים זיין די ענין פון נר חנוכה? האט ער געשיקט א בריוו פאר די עסקנים און פאר דער ראביי פון די תפיסה, און ער האט טאקע באקומען א רשות צו צינדן חנוכה לעכט.

די ערשטע נאכט חנוכה זענען געקומען צוויי שומרים, מען האט אים ארויסגענומען פון זיין צעל, פון זיין שטיבעלע, מען האט אים אריינגענומען אין א שטוב וואס דארט איז געווען א מנורה, איין לעכטל מיט א שמש. די שומרים זענען ארויסגעגאנגען, און זיי האבן אים געזאגט, ווען ער האט געענדיגט זאל ער קלאפן שטארק אויפן טיר, און זיי וועלן אים ארויסנעמען.

אזיווי ער קוקט זיך ארום, זעט ער, אז דארט אינעם צימער איז דא - במחילת כבודכם - אן אפענער בית הכסא, מען קען עס נישט פארדעקן. ניין, ער וויל נישט אזוי מאכן א ברכה, ער וויל נישט אזוי צינדן חנוכה לעכט. ער טראכט ביי זיך: אבער נאך אלע מעשיות, ענדערש ווי גארנישט? נאכדעם האט ער מחליט געווען: רבוש"ע, איך בין דאך דא ביד הקב"ה, עס זענען נישט דא קיין שומרים, נישט דא קיין תפיסה, נישט דא קיין אופזעהערס, עס איז דא איין באשעפער אויף די וועלט, איך האב פון קיינעם נישט מורא, איך דארף טון מיין השתדלות, און וואס דער הייליגער באשעפער וועט טון, דאס וועט זיין!

ער נעמט זיך קלאפן אויפן טיר, עס קומען צוריק די שומרים, און זיי פרעגן אים, וואס גייט פאר? זאגט ער, ער קען נישט דא צינדן, ווייל דא איז דא א בית הכסא, מען דארף אים טרעפן א צווייטן פלאץ.

זיי האבן נשט פארשטאנען וואס ער רעדט. וואס פארשטייט א גוי? א גוי וויל נישט פארשטיין, און די שומרים אין א תפיסה האבן דאך ליב צו פייניגן און רודפ'ן דאס מענטשהייט. און ער האט זיך געגומען איינבעטן און איינבעטן, ביז זיי האבן מסכים געווען צו רופן דער גרויסער גענעראל, דער גרויסער אויפזעהער פונעם גאנצן תפיסה, זאל קומען הערן זיין בקשה.

דער גרויסער אויפזעהער איז געקומען, פארשטייט זיך ער האט גערעדט צו אים מיט כבוד מלכים, ער האט אים באדאנקט פארן קומען, אבער ער האט אים געגומען פארלערנען דעם שו"ע, מען קען נישט דא מאכן א ברכה, און איך קען נישט דא מקיים זיין די מצוה, און איך האב באקומען א רשות צו צינדן חנוכה לעכט, אבער דא קען מען נישט.

א נס פון הימל, דער גרויסער אויפזעהער האט אים געזאגט: ווייסטו וואס, קום אין מיין צימער, אין מיין אפיס, דארט וועסטו קענען צינדן חנוכה לעכט. א נס שלא בדרך הטבע! און אזוי איז ער געגאנגען מיט די צוויי שושבינן, די צוויי שומרים פון די צוויי זייטן, און דער אויפזעהער פון אונטן, און מען שפאצירט.

אינמיטן גיבט ער זיך א טראכט, ער האט דאך באקומען רשות אויף דרייסיג מינוט, און אז דער הייליגער באשעפער איז ממילא דא, און ער איז נאנט צו דער אייבערשטער, וואס זאל ער נישט אויסניצן צו בעטן נאך א בקשה? איי אפשר וועלן זיי חרטה האבן, אפשר וועלן זיי בייז ווערן? אבער ער רעדט דאך צום אייבערשטן... מורא'דיג! געבט ער א זאג אזוי פאר דער אויפזעהער: עפ"י הלכה איז טאקע דרייסיג מינוט גענוג פאר הדלקת נר חנוכה, אבער אזויוי ער איז א חסידישער איד, און אין חב"ד איז די מנהג צו זיצן כאטש פופציג מינוט ביי די מנורה, צו ער לאזט אים זיצן כאטש פופציג מינוט? פארשטייט זיך אז דער אויפזעהער האט אים אנגעקוקט ווי איינער וואס איז אראפ פון זינען, איך געב דיר דרייסיג מינוט, איך געב דיר מיין צימער, וואס ווילסטו? אבער ער איז ווייטער מסביר די גרויסקייט פון זיצן פופציג מינוט.

גיבט אים א פרעג דער אויפזעהער: זאג נאר, ווען דו ביסט געזעצן מיט דיין משפחה, וויפיל מינוט ביסטו געזעצן מיט זיי ביי די חנוכה לעכט?!

זאגט ער: בערך צוויי צו דריי שעה, און אסאך מאל אפילו מער, מען האט געזינגן, מען האט געזאגט דברי תורה!

אזוי האסטו געטון?!

זאגט ער: יא.

זאגט ער: ווייסטו וואס, איך געב דיר דריי שעה, קענסטו זיצן ביי מיר אין צימער און צינדן די חנוכה לעכט, דריי שעה קענסטו זיצן ביי די מנורה!

ער האט ממש נישט געגלייבט וואס ער הערט... און מיט א געוואלדיגע התרגשות האט ער געזאגט: הייליגער באשעפער, דו ביסט דא מיט מיר טאטע, אין לנו מלך אלא אתה, עס איז נאר דא איין איינציגער באשעפער, אין עוד מלבדו!

אור לנתיבתי

# מאכן אייגענע קנויטן אויב עס ברענט נישט שיין?

**איינער האט אנגעפרעגט, ער קען מאכן קנויטן, אבער ס'ברענט נישט אזוי שיין ווי די געקויפטע. וועלכע איז מער הידור מצוה?**

די תשובה אויף דעם איז, אויב ס'ברענט און ס'לייכט און ס'ברענט געהעריג, איז נישט קיין חילוק. אויב ער וויל טון בידים די מצוה, ער וויל זיך איבערגעבן דערפאר, ער וויל ארויסווייזן זיין חביבות המצוה, ער וויל שוויצן דערפאר אזוי ווי ערליכע אידן האבן מקפיד געווען צו טון, ברענט עס אזוי אדער ברענט עס אזוי, ס'ווערט נישט געברענגט אין ערגעץ אז ס'איז דא א נפקא מינא וויאזוי די פייער זעט אויס.

אבער טאמער זיינע קנויטן ברענען נישט, ס'ברענט זיך אויס, ס'לעשט זיך אויס, ס'ארבעט זיך נישט אויס, און ער איז נישט אזוי מקפיד דווקא צו טון אליינס, די שאלה איז וועגן די שיינקייט, אוודאי, הידור מצוה איז א שיינע פייער. אלעס וואס מ'טוט פאר הידור מצוה, שענער און שענער איז אלץ בעסער. אבער א חלק פון דעם הידור מצוה איז אויכעט אז א מענטש וויל אליינס טון די מצוה, און די מצוה איז מען יוצא אז ס'ברענט, אזא מין פייער אדער אזא מין פייער. ס'ווערט נישט געברענגט אז מ'זאל מאכן אזא פייער צו אזא פייער. אוודאי א שיינע מצוה, הידור מצוה שטייט דאך, אבער עס ווערט נישט געברענגט דווקא אין דעם ענין פון פייער, אזא פייער. דער עיקר איז, ס'זאל ברענען, מ'זאל זען אז ס'איז א מנורה.

אוודאי, מ'זעט אין די פוסקים, א דיקע קנויט איז שענער, צי א דינערע קנויט איז שענער. אוודאי איז שייך צו מאכן א נר יפה, וואס דאס איז דער לייכטער,

אדער אן אור יפה, א שיינע פייער. ביי רוב הפוסקים טרעפן מיר נישט אז זיי רעדן ארום נאר פון דעם נר, נישט פון דעם אור, פון דעם עצם פייער. זיי רעדן פון דעם לייכטער, פון די אוילן, פון די פתילות, נישט בעצם דעם אור אליין, אז א מענטש זאל זיך ארייננקוקן אין די צורת האור. מ'רעדט דאך אבער, ס'ברענט א שיינע פייער, אז עס ברענט א פייער, ברענט א פייער. נאר וואס דען, דער געקויפטער האט טאקע עפעס אזא געוואלדיגע שיינע צורה פון די פייער. מה שאין כן, אסאך מאל ווען א מענטש מאכט אליין, האט די פייער נישט די שענסטע צורה. אויף דעם האבן מיר נישט געטראפן אין די פוסקים אז מ'זאל אויף דעם אזוי שטארק מחמיר זיין און מדקדק זיין.

און אויב א מענטש שפירט אז דאס איז זיין חלק הכנה למצוה, דאס איז זיין שותפות אין די מצוה, זיין חלק אין די מצוה, פארוואס זאל ער נישט אליין אנגרייטן די קנויטן? אבער איך וויל צולייגן עפעס: מ'קען זיך לערנען, פרעג פון אנדערע, ווער געוואר. פארוואס דארפסטו גיין קויפן קנויטן? פארוואס זאלסטו נישט אריינלייגן כוחות פון זיך נאכפרעגן ביי מענטשן? פרעג ביי דעם, פרעג ביי יענעם, פרעג ביי אנדערע. איך האב אויך אמאל נישט געקענט מאכן קנויטן, איך האב זיך זייער געמוטשעט מיט מאכן די קנויטן, און איך האב אויך געטראכט ביי מיר יארן צוריק אז איך גיי קויפן קנויטן. ביז איך האב מיר מיישב געווען: מיין טאטע האט געמאכט אליין, מיין זיידע האט געמאכט אליין, מיין עלטער זיידע האט געמאכט אליין, אלע ערליכע אידן וואס איך האב געקענט האבן געמאכט אליין, מיינע רבי'ס האבן געמאכט אליין. בין איך ארומגעגאנגען און איך האב געקוקט וויאזוי אנדערע אידן טוען, און איך האב יעדן געפרעגט, ביז ס'איז מיר אויסגעקומען איין מהלך וויאזוי ס'קומט אויס מיינע קנויטן, און ברוך השם, ס'ברענט זייער שיין.

מ'קען אריינלייגן כוחות. דער אייבערשטער זעט אז א מענטש וויל, און א מענטש טוט די ריכטיגע פעולות, די ריכטיגע השתדלות דורך פרעגן און זיך נאכגיין אנדערע מענטשן, העלפט דער אייבערשטער און מ'האט סייעתא דשמיא. אבער אויב א מענטש וויל שפירן, און ער וועט זיך שפירן בעסער, גליקליכער, חשוב'ער, אויב זיין מנורה ברענט שיין, קען ער נעמען געקויפטע קנויטן. געקויפטע קנויטן איז נישט קיין פראבלעם, דאס איז געמאכט לשם

מצות חנוכה, דאס איז נישט געמאכט פאר קיין שום אנדערע צוועק. קיינער נוצט נישט קיין קנויטן מיט אויל אויף קיין שום אנדערע זאך ווי לכבוד די מצות חנוכה אדער שבת און יום טוב, און ס'איז געמאכט בפרט בזמנינו דורך אידישע פאבריקאנטן, ס'איז נישט קיין שאלה אפילו, אוודאי מען קען לכתחילה דאס נוצן. אבער ס'איז דא אזא הרגש פון "איך האב געארבעט אויף די מצוה". אזוי ווי מצות, א מענטש קען פרעגן א שאלה, די געקויפטע מצות עסט זיך געשמאקער, אפשר די טעם איז אויך געשמאקער, ס'איז אסאך געשמאקער ווי אייגענע געמאכטע חבורה מצות. אבער ביי חבורה מצות האב איך געשוויצט אויף די מצות, איך האב געארבעט אויף די מצות, איך האב מיינע חומרות, איך האב מיינע הידורים. איז מענטשן עסן ענדערשער חבורה מצות ווי געקויפטע מצות.

פשט דערפון איז ווייל א חלק פון די מצוה און פון דעם הידור מצוה איז די כוחות וואס א מענטש לייגט אריין דערין. די הכנה למצוה איז א גרויסע עבודה, דאס איז גרעסער ווי די מצוה. ביי אונז איז הכנה גאר א שטארקע עבודה, און איך וויל נישט פארלירן די עבודה. וועט עס נישט ברענען אזוי שיין, אבער איך האב די הכנה, איך האב די שייכות פון אז איך האב עס צוגעגרייט, ס'איז מעשה ידי להתפאר, און אין דעם ליגט אויך שייכות.

הצלחה וברכה און סיעתא דשמיא.

מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.

**קול פנים מאירות** שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
**צענטראלע נומער:** 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-
350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691 | **אנטווערפן:** 323-346-0673
| **מאנטריאל:** 438-228-2500

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

**הפצת הגליון השבועי בעיר מאנטשעסטער נתנדב**
לרפואת הילד **ארי' בן רחל**
**קחו חלק בהארת לבבות ישראל! לסייע בהפצת הגליון במאנטשעסטער, לכבוד שמחה, או לעילוי נשמת יקיריכם, התקשרו: 07547686514**

קונטרס

# מאור הזמן

באידיש

פרשת מקץ–חנוכה תשפ"ו

מאמר: זאת חנוכה

מאמרי

## כ"ק מרן אדמו"ר
## שליט"א

יצא לאור
על ידי מערכת פנים מאירות סיקסא
כסליו תשפ"ו

# מערכת פנים מאירות

מכון להוצאות שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

יכולין לשמוע השיעורים:

בקול פנים מאירות

ארה"ב: 845-414-8211-

845-414-0076

**א"י:** 072-370-1823

**ענגלאנד:** 0330-350-3190

**ארגענטינע:** 5411-2152-7691

**אנטווערפן:**323-346-0673

לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:

gilyonospm@gmail.com

גם יכולין לשמוע השיעורים על: קול הלשון/פנים מאירות

# מאמר: זאת חנוכה

## דברי תורה אצל הנרות

מיר זיצן יעצט ביי די חנוכה ליכטלעך, אין אזא הייליגע זמן ווי זאת חנוכה. עס איז יעצט א געוואלדיגע עת רצון אין הימל, אזוי ווי עס שטייט אין די הייליגע ספרים.

## הלל פון זאת חנוכה איז קעגן יום כיפור

דער ווילנער גאון ז"ל ברענגט אראפ א מורא'דיגע זאך: עס זענען דא זעקס ימים טובים א יאר ווען מען זאגט נישט קיין הלל השלם. עס זענען דא ימים טובים וואס מען זאגט חצי הלל, און ס'איז דא ימים טובים וואס מען זאגט הלל השלם. הלל השלם איז דער אמת'ער הלל; האלב הלל איז נאר א מנהג. פסח זאגט מען גאנץ הלל נאר דעם ערשטן טאג, אלזא פעלן זעקס טעג. ראש השנה זאגט מען נישט קיין הלל בכלל, איז זיבן טעג. יום כיפור זאגט מען אויך נישט קיין הלל, איז אכט טעג. אכט טעג א יאר זאגט מען נישט קיין הלל אדער נישט קיין הלל השלם, ווען מען וואלט עס באמת געדארפט זאגן. דאקעגן זאגט מען הלל פאר אכט טעג אין חנוכה. דאס מיינט אז די ערשטע זעקס טעג פון חנוכה זענען קעגן פסח, דער זיבעטער טאג קעגן ראש השנה, און דער אכטער טאג – זאת חנוכה, קעגן יום כיפור. מיר דאנקען דעם אייבערשטן. וואס מען קען פועל'ן יום כיפור מיט פאסטן, תשובה און טרערן, קען מען פועל'ן זאת חנוכה מיט שמחה, דורכן זאגן הלל, און דורכן דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן.

## די גרויסע כח פון פשוטע אידן אין זאת חנוכה

עס איז באקאנט אז דער הייליגער רוזשינער האט געזאגט אז וואס גרויסע צדיקים קענען נישט פועל'ן אין די הייליגע טעג, קענען פשוט'ע אידן פועל'ן אויף זאת חנוכה.

אנדערע זאגן אז ער האט געזאגט אז וואס צדיקים פועל'ן ביים באשעפער דורכאויס דעם גאנצן יאר, קענען פשוט'ע אידן פועל'ן אין זאת חנוכה.

## זען נאר די גוטס און דאנקן דעם באשעפער

אין די וואכעדיגע פרשה ברענגט דער "דעת זקנים מבעלי התוספות" א מדרש. ווען ס'שטייט נישט אזא מדרש, טאר מען עס אפילו נישט זאגן, אבער דאס איז א מורא'דיגער מדרש. יעקב אבינו האט געזאגט צו פרעה, "מעט ורעים היו ימי שני חיי", ער האט געגעבן אזא קרעכץ, אז ער האט אסאך געליטן אין לעבן. דער מדרש, זייער א שארפער מדרש, זאגט אז ווען יעקב אבינו האט דאס געזאגט, האט דער אייבערשטער געענטפערט, "איך האב דיר געראטעוועט פון לבן, איך האב דיר געראטעוועט פון עשו, איך האב צוריקגעברענגט יוסף צו דיר, און דו קלאגסט?! דו וועסט נישט לעבן אזוי לאנג ווי דיין טאטע יצחק האט געלעבט." יצחק האט געלעבט 180 יאר, און יעקב אבינו האט נאר געלעבט 147, 33 יאר ווייניגער. אזויפיל וויפיל די 33 ווערטער וואס יעקב אבינו האט גערעדט, פון "ויאמר פרעה" ביז דעם סוף פון דעם פסוק "מגורי" - די 33 ווערטער וואס יעקב אבינו האט געזאגט, איז אוועקגענומען געווארן פון זיין לעבן.

לאמיר דאס פארשטיין. מיר פארשטייען נישט יעקב אבינו; מיר האבן נישט קיין שייכות צו זיין קדושה, אבער וויבאלד דער מדרש רבה זאגט אונז דאס, לערנט עס אונז נישט צו קרעכצן אדער זיפצן איבער מצבים, כדי צו זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים. א איד וואס וויל האבן אריכות ימים זאל קיינמאל נישט קרעכצן אדער זיפצן. זע נאר דאס גוטס וואס דער הייליגער באשעפער שענקט. דאס איז די ישועה פון זאת חנוכה: צו זען דאס גוטס, צו רעדן פון דעם גוטס, צו טראכטן פון דעם גוטס, ארויסצוברענגען דאס גוטס, און דאנקען דעם אויבערשטן פאר דעם גוטס, און באמת לויבן דעם הייליגן באשעפער פאר דעם גוטס וואס ער געבט אונז, פאר דעם אמת'ן גוטס וואס דער הייליגער באשעפער געבט אונז.

## עס הייבט זיך שוין אן די חסדים פון פסח

ביים סוף פון די פאריגע וואכעדיגע סדרה איז אויך דא דער ענין פון פסח, ווען מען האט אנגעהויבן זוכן דעם בעכער. עס שטייט, "ויחפש בגדול החל ובקטן כלה וימצא הגביע באמתחת בנימין". און פון דעם לערנען מיר ארויס די הלכה פון בדיקת חמץ אין די גמרא אין פסחים, דף ח.

וואס האט בדיקת חמץ צו טון מיט דעם פסוק? דער "יגל יעקב" ברענגט א געוואלדיגע ווארט. ער זאגט: די תקופה פון די ימים נוראים ציט זיך ביז זאת חנוכה. פון זאת חנוכה הייבט מען שוין אן די הכנות צו פסח. פורים איז שוין "שואלין ודורשין" דרייסיג טעג פאר פסח, דאס מיינט אז פסח הייבט זיך שוין אן פון פורים. ער זאגט א רעיון נפלא: פון זאת חנוכה ביז פורים זענען דא צוויי און זיבעציג טעג, וואס דאס איז די גימטריא פון "חסד". דער חסד, וואס הייבט זיך אן יעצט ביי זאת חנוכה, ציט זיך ביז פורים, און פורים איז שוין די דרייסיג טעג פאר פסח, אזוי אז עס ציט זיך ווייטער ביז פסח.

די חנוכה ליכט זענען א הכנה פאר דעם ליכטל פון בדיקת חמץ. שוין יעצט דארף מען טראכטן וועגן בדיקת חמץ, וועגן די גרויסע ישועות וואס אידן האבן מיטגעהאלטן פורים און פסח.

כסלו, לויט דעם סדר פון די חדשים, איז קעגן בנימין. חנוכה, וואס רוב חנוכה איז אין כסלו, איז א הכנה פאר די שם ע"ב ביז פורים, און דערנאך פסח. ער זאגט: "גביע" איז י"ג ע"ב. חנוכה איז די י"ג מחילן דרחמין, און דערנאך קומט די ע"ב. "באמתחת בנימין" - דאס איז אין דעם חודש פון בנימין, וואס איז כסלו. ער איז דארט מאריך אויף דעם. דעריבער דארפן מיר יעצט אריינטראכטן אין דעם - ער גייט נאך טיפער, אבער איך וויל נישט מאריך זיין - אבער וואס מיר זעען פון דעם איז א רעיון נפלא מאוד, אז יעצט קומט חסדים, ס'איז טאקע טבת, ס'איז שבט, אבער ס'ציט זיך די גמר חתימה טובה ע"ב פורים און פסח, אלעס איז רחמים וחסדים.

דעריבער, כדי מעורר צו זיין רחמים דארפן מיר זיין אין א מצב פון רחמים. יעדער איד דארף זיך משתדל זיין צו טראכטן מיט רחמים וחסדים, צו רעדן רחמים וחסדים, און

זיך צו באשעפטיגן אין רחמים וחסדים, סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו. אויב א מענטש פירט זיך מיט רחמנות און חסד צו זיין חבר, אויב ער זעט נאר ווי יעדער טוט אים גוטס, און ער זעט ווי אידן זענען גוט, און ער זעט די גוטסקייט פון כלל ישראל, און ער ברענגט שמחה צו אידישע קינדער, ווייסט ער ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן מתוך רחמים וחסדים גלויים.

## חנוכה א יום טוב ווי דער לענגסטער יום טוב דאורייתא

איך האב היינט געטראפן, א חידושי הר"י מלוניל אין מסכת שבת, א הפלא ופלא'דיגע ווארט. ער זאגט: ס'איז געשען א נס פאר די אידן, און מיר צינדן די מנורה פאר אכט טעג. ער זאגט: פרעה האט נישט גוזר געווען קעגן מצוות; ער האט נאר גוזר געווען קעגן זייערע גופים. יון'ס גזירה איז געווען קעגן מצוות; זיי האבן נישט געלאזט מקיים זיין מצוות. דעריבער האבן די חכמים פארלענגערט חנוכה צו זיין א יום טוב נישט נאר פאר איין טאג ווי פורים, נאר פאר אכט טעג, צו געדענקען דעם נס. ער זאגט: אפילו אויב עס וואלט נישט געווען א נס מיט דעם אויל פאר אכט טעג, וואלט עס נאך אלץ געמאכט געווארן פאר אכט טעג - אזוי שרייבט ער - פארוואס איז דער יום טוב פארלענגערט געווארן פאר אזוי לאנג. ווייל די חכמים האבן עס געוואלט קובע זיין, ווי דער לענגסטער יום טוב וואס ווערט דערמאנט אין די תורה, וואס איז סוכות מיט שמיני עצרת, אכט טעג, אזוי אויך האבן זיי דאס קובע געווען פאר אכט טעג. ער זאגט, אין די ערשטע יאר האבן זיי נישט געצונדן ליכט; זיי האבן געדאנקט און געלויבט דעם אויבערשטן פונקט ווי אלע אנדערע ימים טובים. און ווען ס'איז געווארן א נס אז דאס אויל האט געברענט פאר אכט טעג, האבן זיי צוגעלייגט נאך א זאך אז זיי זאלן אויך צינדן די מנורה. ער זאגט, אז פון אנהויב זענען די אכט טעג שוין געווען באשטימט.

און ער ברענגט אויך, עס ווערט געברענגט אין מגילת חשמונאים, אז די אידן האבן נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון סוכה; די יוונים האבן דאס אויך מבטל געווען. אזוי שטייט אין מגילת חשמונאים, זיי האבן מבטל געווען די מצוה פון סוכה. דאס קען מען צולייגן צו דעם ר"י מלוניל, אז דאס איז פארוואס די אכט טעג זענען אין אנהויב באשטימט געווארן, ווייל זיי האבן דעמאלט געקענט מקיים זיין די מצוה פון סוכה, וואס

איז דער לענגסטער יום טוב. דאס איז צילא דמהימנותא, אבער לאמיר אויך אריינטראכטן אז סוכות איז "זמן שמחתנו", און פונקט ווי חנוכה הייבט זיך אן די ע"ב ימים ביז פורים, איז עס פארגליכן געווארן צו "זמן שמחתנו".

## זאת חנוכה נעמט מען צוזאם אלע השפעות פון גאנץ חנוכה

אבער עס איז דא אויף דעם א שטארקערע שפת אמת. ווען מען זעט דעם שפת אמת, וועט מען זייער שטארק פארשטיין ווי אזוי עס קומט דא אריין "זמן שמחתנו". דער שפת אמת זאגט אז אזוי ווי שמיני עצרת איז א מאסף לכל המחנות, עס נעמט אריין די צוויי טעג פון ראש השנה, די עשרת ימי תשובה, יום כיפור, און דערנאך סוכות, אזוי איז געמאכט געווארן איין טאג צו צוזאמענזאמלען אלע מחנות. דאס זעלבע איז ביי זאת חנוכה. חנוכה איז זיבן טעג. היינט איז געמאכט געווארן א מאסף לכל החג, אז אלע השפעות טובות פונעם גאנצן יום טוב, די גאנצע אור הגנוז, און אלע קבלות, און אלע ישועות, און אלע השפעות טובות וואס אידן האבן געהאט, זאמלען זיך היינט צוזאמען. אזוי ווי מיר זאגן ביי שמיני עצרת אז די גאנצע הייליגע טעג זענען א הכנה צו "אתה הראת", אזוי אויך זענען די גאנצע טעג פון חנוכה א הכנה צו דעם הלל פון זאת חנוכה. זאת חנוכה, ווען מען זאגט הלל, דארף זיך אנצינדן אן אהבה, א שבח, א הודאה, א קאכעניש מיט בענקשאפט און השתוקקות צום הייליגן באשעפער, ווען מען דערמאנט זיך נאר, די זיבן טעג זענען אריבער, און דער אכטער ליכטל איז שוין אנגעצינדן געווארן, מיט אזא הייליגן ליכטיגקייט, מיט אזא נאנטקייט, מיט אזא דביקות וואס די מנורה גיט, מיט אזא תענוג, מיט אזא באלייכטונג וואס לייכט אין אונזערע שווערע צייטן אין גלות, אה, זאגט מען הלל. דאס איז דער עיקר פון זאת חנוכה, ברענגט דער שפת אמת.

## מצוה חביבה היא עד מאד

יעצט, אין דעם ספר "קרן ישועה" - דאס איז געוועןרבי יהושע בן רבי צבי אלימלך, בן רבי דוד בן רבי צבי אלימלך, פון די אייניקלעך פון דעם בני יששכר - ברענגט ער אראפ: דער רמב"ם זאגט, "מצות נר חנוכה מצוה חביבה היא עד מאד וצריך להזהר בה". ער זאגט א מורא'דיגע זאך, איר וועט הנאה האבן, מען דארף וויסן ווי אזוי צו רעכענען.

לויט דעם קביעות השנה פון דעם חודש כסלו, איז עס אמאל מלא (30 טעג) און אמאל חסר (29 טעג). אזוי ארבעט עס: אויב כסלו איז מלא, ווי היי יאר, האבן מיר נאר צוויי טעג חנוכה אין טבת, ווי היי-יאר, זונטאג און מאנטאג. און אויב כסלו איז חסר, דאן פאלט חנוכה דריי טעג אין טבת. דעריבער, זאגט ער: אויב כסלו איז חסר, דאן איז כ"ה כסלו, כ"ו כסלו, כ"ז כסלו, כ"ח כסלו, כ"ט כסלו, א׳ ב׳ ג׳ טבת. דאס באטרעפט 141, וואס איז דער גימטריא פון "מצוה". "כי נר מצוה ותורה אור". מיר זאלן ציינדן לויט די טעג פון מצוה. אויב כסלו איז מלא, דאן זענען די טעג פון חנוכה כ"ה, כ"ו, כ"ז, כ"ח, כ"ט, ל׳, א׳ און ב׳. דאס באטרעפט קס"ח, 168, וואס איז דער גימטריא פון "מצוה חביבה". זאגט ער, רוח אלקים דיבר בו אינעם הייליגן רמב"ם, וואס ער האט גערופן די חנוכה ליכט א "מצוה" און א "מצוה חביבה", ווייל עס איז דא א יאר ווען עס איז מצוה, און עס איז דא א יאר ווען עס איז מצוה חביבה. צוויי טעג ראש חודש, ווי דאס יאר, איז עס א מצוה חביבה. אזוי שרייבט דער "קרן ישועה". עס איז א געוואלדיגע זאך. און דאס יאר, א "מצוה חביבה", קען מען פועל'ן אסאך גרויסע ישועות.

## די פשוטע תורה איז מגינא ומצלא

עס איז געווען א משפחה אין בארא פארק. זיי פלעגן זיך צוזאמקומען איינמאל א יאר אין איינע פון די נעכט פון חנוכה ביי די זיידע-באבע'ס הויז. לכבוד די חנוכה מסיבה פלעגן אלע קינדער און אייניקלעך זיך צוזאמנעמען. די באבע האט ליב געהאט צו קאכן געשמאקע מאכלים מיט א גוטן טעם, און יעדער האט הנאה געהאט צו קומען. זי פלעגט אויך מאכן א געוויסע סארט מילכיגע געפרעגלטע מאכל וואס יעדער האט זייער ליב געהאט און הנאה געהאט דערפון, און יעדער האט געוואלט נאך און נאך. יעצט, אין די לעצטע יארן, האט די באבע פון דער משפחה באשלאסן אז יעדעס יאר ביי דער חנוכה מסיבה וועט זי איינפאקן פאר יעדן א קליינעם קאנטעינער פון דעם מאכל וואס אלע אירע קינדער און אייניקלעך האבן ליב געהאט, פאר זיי צו נעמען אהיים. און פארשטייט זיך, יעדער איז געווען צופרידן, יעדער איז אהיימגעגאנגען. דער איד וואס דערציילט די מעשה, איינער פון די אייניקלעך דארט, האט אויך באקומען א קאנטעינער מיט די סחורה, און ער איז אהיימגעגאנגען.

לויט זייער פלאן אין דער משפחה, האט זיין ווייב געדארפט פארן ערגעץ דעם קומענדיגן טאג. זיין ווייב האט אים געזאגט, "דעם קאנטעינער וואס די באבע האט דיר יעצט געגעבן, זאלסטו עסן מארגן פאר נאכטמאל. לייג עס אוועק פאר זיך אליין פאר מארגן אויף נאכטמאל."

טאקע, זיין ווייב איז געגאנגען וואו זי האט געדארפט גיין, און זי האט אים געשריבן אנווייזונגען ווי אזוי עס אויפצואווארעמען, אז ער זאל וויסן און עס זאל נישט פארברענט ווערן. אלזא, זי האט אים געגעבן, ווי מען זאגט, אינסטרוקציעס.

ער איז אהיימגעקומען ביינאכט נאך מעריב אנצוצינדן די חנוכה-ליכט, און ער האט געטראכט אז ער וועט אנצינדן די חנוכה-ליכט, עסן נאכטמאל, און דערנאך ארויסגיין צו זען די חנוכה-ליכט ביי די רבי'ס און אנדערע ערליכע אידן אין שטאט. די שטוב איז דעמאלט געווען אביסל ליידיג. אלזא, האט ער געזונגען און אנגעצונדן די ליכט. נאכן צינדן האט ער אויך אויסגעלאשן דעם שמש, ווייל ער האט געוואלט ארויסגיין פון שטוב. ער האט געטראכט, וואס וויניגער פייער איז בעסער. אלזא האט ער אויסגעלאשן דעם שמש. ער האט סייווי נישט געזאלט זיין אינדערהיים, ער גייט אוועק, האט ער עס אויסגעלאשן.

ער נעמט ארויס דאס בעקעלע מיט עסן, לייגט עס אריין אין א טאפ, און וויל עס אנווארעמען, אבער דער גאז צינדט זיך נישט אן. די עלעקטריק ארבעט נישט. נו, ווי אלע מענער ווען זיי זענען אליין אינדערהיים... ער איז אין א צרה, ער דרייט זיך אהין, ער דרייט זיך אהער, עס ארבעט נישט. ער זוכט א שוועבל, ער ווייסט נישט וואו עס זענען דא שוועבלעך, ער קען נישט געפינען קיין שוועבלעך. ער ווייסט נישט וואו די לעפל און גאפל געפונען זיך ביי אים אין שטוב... ער קען נישט געפינען קיין שוועבלעך. ווי ווייט ער ווייסט, זענען נישטא קיין שוועבלעך אינדערהיים; דער שוועבל וואס איז געווען צוגעגרייט פאר די חנוכה-ליכט איז געווען נאר איין שוועבל, צוגעגרייט, און ער האט נישט קיין שוועבל.

אלזא, טראכט ער צו זיך, ער גייט נעמען פון די חנוכה מנורה. אה, איין מינוט, דער שמש איז דאך אויסגעלאשן. ער טראכט אהין, ער טראכט אהער. נו, האט ער אנגעהויבן טראכטן, ער וועט מאכן היתרים, די חנוכה ליכט נאך די האלבע שעה, נישט אזוי לאנג. און ער מוז דאך עסן, חנוכה איז אויך א מצוה צו עסן. הונגעריג זיין איז אויך נישט קיין עסק. און אזוי האט דער יצר הרע אים אנגעהויבן פארלערנען א גרויסן שולחן ערוך. און דאן, אינמיטן, טראכט ער זיך, "וואס בין איך, אינגאנצן משוגע? פארוואס זאל איך אנרירן א מנורה? איך טאר נישט אנרירן א מנורה, ס'איז אסור להשתמש בהם. איך דארף נישט קיין עסן, איך דארף גארנישט." און ער לויפט שנעל ארויס פון שטוב איידער דער יצר הרע וועט נאך שולט זיין אויף אים. ער וועט שוין געפינען עפעס, לקח און בראנפן ערגעץ וואו. שוין, גוט.

ווען ער איז אהיימגעקומען הערט ער ווי דער טעלעפאן קלינגט און קלינגט און קלינגט. א קאזין רופט אים און פרעגט אויב ער האט שוין געגעסן די מאכל פון די באבע? ער זאגט אים, "ניין, איך האב נישט געגעסן, איך האב נישט געהאט קיין פייער." ער האט אים דערציילט די גאנצע מעשה. האט דער קאזין אים געזאגט, "דער נסיון האט דיר געראטעוועט. דער אויל איז געווען פארדארבענער אויל. די וואס האבן עס געגעסן האבן געמוזט גיין אין שפיטאל." פארדארבענע אויל איז זייער געפארפול, עס איז נישט פשוט; עס פאראורזאכט א באקטעריע אין מאגן. ער האט געזאגט אז די מנורה האט דיך געראטעוועט. ער האט זיך געקענט איינהאלטן, ער האט געלערנט דעם פשוט'ן שלחן ערוך, נישט דעם שלחן ערוך פון יצר הרע, און זיין מאגן איז געראטעוועט געווארן. אזוי דערציילט דער איד די מעשה.

דער אמת איז אז דאס איז נישט אזא פשוט'ע מעשה ווען מען טראכט אריין. מענטשן האבן דאס שטענדיג. דער פשט דערפון איז, עס איז דא עפעס אנדערש דא. מיר האבן שטענדיג דעם שולחן ערוך, בין אדם למקום און בין אדם לחבירו. מיר האבן שטענדיג צייטן ווען דער יצר הרע לערנט אונז פאר זאכן, ער לערנט אונז פאר שולחן ערוך. און מיר רעדן זיך איין אז איך וועל געראטעוועט ווערן, מען שפירט, "איך האב נישט קיין ברירה, עס איז א מצב." א מענטש דארף וויסן איין זאך, דאס איז א כלל וואס מען מוז לערנען פאר קינדער און פאר זיך אליין: גארנישט אויף דער וועלט קען באשיצן

א מענטש מער ווי היטן די תורה. די תורה! פאסטן צען טעג איז נישט אזוי געפערליך ווי עסן איין טאג און אנרירן עפעס. פארשטייט זיך, ווען עס קומט צו פיקוח נפש, איז עס דוחה תורה, איז עס זיכער א מגן ומציל, איז דאס איז די תורה, דאס איז די תורה, דעריבער איז עס א מגינא ומצלא. אבער אזוי לאנג ווי די תורה הייסט נישט עס טון, מוז מען זיך צוריקהאלטן. מענטשן טראכטן אפט, נו, איך בין אויפ'ן וועג, עס איז נישט געפערליך, איך בין מחויב. גארנישט! די תורה מוז זיין דער העכסטער וועגווייזער פאר א מענטש, עס ראטעוועט ברוחניות ובגשמיות, אן אלע פארדרייטע תירוצים, עס איז נישט נויטיג, עס איז א שאד. עס קען זיין אז דער היתר איז טאקע גילטיג, אמאל איז דער היתר גילטיג, אבער פארוואס? וואס וועסטו טון דערמיט? די תורה איז א מגינא ומצלא, זי באשיצט דיר, זי טראגט דיר, זי פירט דיר ריכטיג.

## אל'ץ מאכן התחדשות

איך וויל מסיים זיין נאך א ווארט איבער זאת חנוכה. א מענטש דארף וויסן, די טבע פון א מענטש איז אז מען דארף האבן התחדשות. מענטשן האבן זייער ליב התחדשות, אלץ זאל זיין פרישע סחורה אין דער וועלט, התחדשות. "חנוך לנער" זאגט דער שם משמואל, ווייסטו וואס חנוך לנער מיינט? מאך אים שטענדיג שפירן התחדשות. קום נישט אריין יעדן טאג צו דיין קינד מיט דעם זעלבן "גוט מארגן", מיט דעם זעלבן "גוטע נאכט", מיט דעם זעלבן נאכטמאל, מיט דעם זעלבן פרישטיק. מאך א נייעם, אן אנדערע טעלער, אן אנדערע גלאז, אן אנדערע ניגון, געב אים נישט דאס זעלבע. איך האב אפט געטראכט, אמאל געבסטו א פלעשל פאר א בעיבי, ער וויל עס נישט נעמען. געב אים אן אנדערע קאליר און ער וועט עס נעמען, מאך א התחדשות. דעריבער זאגט ער אז חנוכה איז אויך וועגן חינוך, עס איז וועגן חידוש. יעדן טאג צינדט מען אן א נייע ליכט, מען זאגט גאנץ הלל. דער ב"ח זאגט אז דערפאר זענען געקומען די גזירות השמד, ווייל מענטשן זענען געווארן בעצלות ובקרירות ובהתיישנות. וואס איז דאס? אנשים מלומדה. מ'זאל נישט מאכן קיין התחדשות'עס, זיי באנייען זיך נישט. דער כהן גדול, זאגט ער, האט געדארפט ברענגען א מנחת חביתין בכל יום. ווייסטו פארוואס ער האט

געדארפט ברענגען א מנחת חביתין יעדן טאג? התחדשות. א כהן גדול האט נישט געקענט זיין אין א רוטין. ער האט געדארפט ווערן א כהן גדול יעדן טאג.

## זאת חנוכה פרישט אויף די חנוכה מיט א באזונדערע טאג פון התחדשות

ער ברענגט אראפ אן אינטערעסאנטע נקודה. מיר זעען אז אלעס אין דער וועלט דרייט זיך ארום זיבן. שבע ברכות זענען זיבן, ח"ו נאך הונדערט און פופציג איז זיבן. זיבן איז די רוטין, נאך זיבן שלאפט עס איין. עס גייט נישט אריבער זיבן. נאך יעדע זיבן איז דא התחדשות. א וואך איז זיבן טעג. עס איז נישטא קיין יום טוב וואס איז לענגער ווי זיבן טעג. דערפאר שטייט "שמיני רגל בפני עצמו". ווייל מען דארף שוין א התחדשות, ס'איז צו לאנג. מען מוז עס שוין מאכן א רגל בפני עצמו. דער אויבערשטער האט אלעס באשאפן אז א מענטש קען נישט אויסהאלטן עפעס מער ווי זיבן טעג אן א התחדשות. יעדע זיבן טעג מוז עפעס באנייט ווערן. אזוי זעען מיר די מציאות, די וועלט איז אזוי באשאפן געווארן. יעדע זיבן טעג איז דא א התחדשות בעל כרחך.

ס'איז דא פסח, עס איז געמאכט פאר זיבן טעג. ווייל נאך זיבן טעג איז עס אויס, פסח וועט שוין נעלם ווערן. דער איינציגער יום טוב וואס האט אן אכטן טאג איז שמיני עצרת, "רגל בפני עצמו", א באזונדערער יום טוב. עס איז נישט מער, עס גייט נישט ווייטער. ארויס פון די סוכה, מען קען שוין נישט מער. ס'איז צו לאנג. זיבן טעג איז דאס מערסטע וואס מען קען גיין.

וואס טוט מען מיט חנוכה? חנוכה איז אכט טעג. וואס טוט מען מיט חנוכה? ווי אזוי האבן זיי געקענט אריינגיין און מאכן חנוכה פאר אכט טעג? דעריבער זענען אונזערע צדיקים געקומען און געזאגט, "עס הייבט זיך נישט אן." ס'איז "זאת חנוכה." חנוכה האט זיך געענדיגט, ס'איז זיבן טעג. היינט איז "זאת חנוכה." ס'איז א באזונדערער יום טוב, ס'איז א גמר הדין, ס'איז א מאסף לכל המחנות, ס'איז ווי שמיני עצרת, ס'איז זאת חנוכה! פארוואס? אנדערש וואלטן מענטשן איינגעשלאפן ביי די חנוכה ליכט. זאת חנוכה! ס'איז אן ענין פון התחדשות.

פון דעם זעט מען א שטארקע רעיון: א מענטש דארף וויסן אז כדי מחיה צו זיין זיך און זיינע קינדער, מוז מען מאכן התחדשות. יעדן שבת עפעס א חידוש, יעדע עטליכע טעג עפעס א חידוש, בפרט אין רוחניות. מען דארף מאכן התחדשות אפילו אין גשמיות, אזוי ברענגט מען זיך צו רוחניות. מ'זאגט ביים דאווענען "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית". אויף שבת זאגן מיר אז די גאנצע בריאת העולם איז תלוי אין שבת. דער תירוץ איז, עס איז דא א זיבן-טאגיגע "המחדש בטובו בכל יום תמיד", זעקס טעג אזוי, און דאן קומט שבת און מאכט א התחדשות, פארטיג. ווייל אנדערש קען מען נישט אריינגיין אין דעם קומענדיגן זונטאג. עס ארבעט נישט. מען דארף מאכן התחדשות, התחדשות אין עבודת השם, זיך צו באנייען, זיך צו באנייען מיט חידושים, חידושים אין עבודה, חידושים אין הודאה, חידושים אין שמחה.

זאל דער הייליגער באשעפער העלפן אז אלע אידישע קינדער זאלן זוכה זיין צו א גמר חתימה טובה, א פרייליכע יאר, א לעכטיגע יאר, א יאר פון ששון ושמחה, השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות בלי שום צער, יגון ואנחה, "משמועה רעה לא אירא נכון לבי בטוח בה'". מיר זאלן קענען זיין נאנט צום אייבערשטן, הערן נאר בשורות טובות ישועות ונחמות אך טוב וחסד, קענען דינען דעם אייבערשטן מיט הרחבת הדעת, נחת דקדושה, אריכות ימים ושנים טובות, געזונטע און לעכטיגע יארן, און זאל דער הייליגער באשעפער שיקן כל מיני ישועות, און מיר זאלן זוכה זיין לביאת גואל צדק במהרה דידן אמ

ו.


בס"ד
קהל פנים מאירות סיקסא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
76 Grove St. Monsey N.Y. 10952
להודות ולהלל לשמך הגדול
שמחים אנו להודיע לבאי ומתפללי בית מדרשינו, ולכל אנ"ש הי"ו
כי ברצו"ה יתאספו הציבור
ברוב עם הדרת מלך להתעלס באהבים בשבת אחים גם יחד
הדלקת נרות חנוכה
זאת חנוכה הבעל"ט
ער השמיני ליל א' פרשת ויגש
בשעה 8:30
בהיכל בית מדרשנו הגדול
על ידי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
וישא מדברותיו: בענין יום גמר החתימה וקיבול תפילות בזאת חנוכה
והאיך מקבלים האורות ימי החנוכה והאור הגנוז
למשך ימי החורף
ואחר כך יתקיים אי"ה
מסיבת לחיים לכבוד זאת חנוכה
בברכת גמח"ט הנהלת הקהלה
טבלא